# עולת שבת בשבתו

**ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר**

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת בחקתי | כיתה ו' ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**וכל מעשר בקר וצאן כל אשר יעבור תחת השבט העשירי יהי' קודש לה':**

טייטשט דער הייליגער מקובל הרה"ק רבי **שמשון אסטראפאלער** זי"ע אז עס איז באקאנט אז די עשרה הרוגי מלכות זענען געווען א גלגול פון די עשרת השבטים, און וועגן דעם האבן זיי באקומען דעם הארבן עונש כדי מכפר צו זיין אויפן חטא פון מכירת יוסף.

שטעלט זיך אבער א קשיא, ביי מכירת יוסף האבן זיך באטייליגט נאר ניין שבטים ווייל ראובן און בנימין זענען נישט דארט געווען, און פארוואס האבן צען צדיקים באקומען א שטראף? ענטפערן די מפרשים אז בשעת מכירת יוסף האבן די שבטים צוגערעכנט השי"ת כביכול פאר א צענטן, און זיי האבן באשווארן אז קיינער זאל נישט דערציילן די מכירת יוסף פאר יעקב אבינו.

קומט אויס אז ניין תנאים זענען אומגעקומען אנשטאט די ניין שבטים, און איין תנא איז געווען ווי כביכול א כפרה פאר השי"ת'ס טייל אין די מכירה. ווער איז דער תנא? דער תנא רבי עקיבא האט געשטאמט פון גרים, איז דאך נישט מסתבר אז ער זאל דארפן אפנעמען א עונש צוליב די שבטים, אלא מאי, איז די גזירה אויף אים געווען צוליב וואס די שבטים האבן מצרף געווען השי"ת צו די מכירה.

## ידיעות פון די וואך

### חשבון שנות השמיטה

אין די וואכענדיגע סדרה פון פרשת **בחוקתי**, לערנען מיר די שארפע תוכחה, די שטראף וואס השי"ת ווארנט די אידן, אז ער וועט זיי ח"ו פארטרייבן פון ארץ ישראל אויב זיי וועלן נישט האלטן **שמיטה**.

עס שטייט אין פסוק (פר' בחקתי כ"ו ל"ד) **אז תרצה הארץ את שבתותי' כל ימי השמה, ואתם בארץ אויביכם, אז תשבת הארץ והרצת את שבתותיה**, (דעמאלטס ווען אידן וועלן פארטריבן ווערן פון אר"י, וועט די ערד רועהן אנשטאט די אלע יארן וואס זי האט נישט גערוהט ביז דעמאלטס) מאכט רש"י א חשבון אז די זיבעציג יאר וואס אידישע קינדער זענען געווען אין גלות בבל אונטער נבוכדנצר הרשע, איז געווען גענוי קעגן די זיבעציג **שמיטות** וואס אידישע קינדער האבן נישט געהיטן זייענדיג אין ארץ ישראל.

לאמיר דא לערנען דעם חשבון גענוי:

אין יאר ב' אלפים תפ"ח (2,488) נאך בריאת העולם זענען אידישע קינדער אריין אין ארץ ישראל מיט **יהושע בן נון**.

אין יאר ב' אלפים תקט"ז (2,517) איז יהושע נפטר געווארן, דעמאלטס האט זיך אנגעהויבן די **תקופת השופטים**, וואס האט אנגעהאלטן 353 יאר ביז תת"ע (2,870).

אין יאר תתע"א (2,871) איז געזאלבט געווארן דער ערשטער מלך ישראל, **שאול המלך**, נאך אים האט געקעניגט **דוד המלך**, און נאך אים זיין זון **שלמה המלך**, אינאיינעם האבן זיי געקעניגט 93 יאר, ביז יאר תתקס"ד (2,964).

אין יאר תתקכ"ח (2,928) האט **שלמה המלך** אויפגעבויעט דעם ערשטן בית המקדש, 440 יאר נאכדעם וואס אידן זענען אריינגעקומען אין ארץ ישראל.

נאך די הסתלקות פון שלמה המלך אין יאר תתקס"ד (2,964) האט זיך די מלוכה צוטיילט צווישן די **מלכי יהודה** און **מלכי ישראל**. מלכות ישראל האט אנגעהאלטן 241 יאר, ביז ג"א ר"ה (3,205) וואס דעמאלטס זענען די **עשרת השבטים** וואס זענען געווען אונטער די מלכי ישראל, פארטריבן געווארן דורך סנחריב מלך אשור. מלכות יהודה איז געשטאנען 374 יאר ביז ג"א של"ח (3,338).

אין יאר ג' שכ"ז (3,227) איז **יהויכין מלך יהודה** פארטריבן געווארן קיין בבל.

אין יאר ג' של"ב (3,332) האט השי"ת געזאגט פאר יחזקאל הנביא (ד' ה') **ואני נתתי לך את שני עונם למספר ימים שלש מאות ותשעים יום ונשאת עון בית ישראל, וכלית את אלה ושכבת על צדך הימני שנית ונשאת את עון בית יהודה ארבעים יום יום לשנה יום לשנה נתתיו לך** (איך גיב דיר די יארן פון די צאל וואס אידן האבן געזינדיגט 390 טאג, און די צאל פון יהודה 40 טאג, א טאג פאר א יאר). **פון די נבואה וואס השי"ת** האט געזאגט פאר יחזקאל הנביא זעהען מיר אז אידישע קינדער האבן זיך נישט ערליך אויפגעפירט 430 יאר, ווייל 390 מיט 40 איז 430.

זעקס יאר שפעטער (3,338) איז געווען דער **חורבן בית המקדש**. דער ערשטער בית המקדש איז געשטאנען 410 יאר. **גלות בבל** איז געווען ג"א של"ח (3,338) ביז ג"א ת"ח (3,408) גענוי זיבעציג יאר.

קומט אויס אז די אידן זענען געווען אין ארץ ישראל פון ב' אלפים תפ"ח (2,488) ביז ג' אלפים של"ח (3,338) גענוי 850 יאר.

פון די 850 יאר זענען געווען 436 יאר וואס אידישע קינדער האבן נישט געהאלטן מצות שמיטה.

111 יאר דערפון איז געווען אין די צייטן פון די שופטים, צווישן איין שופט אין דעם אנדערן - 241 יאר דערפון איז געווען במשך די אלע יארן פון די מלכי ישראל פון ירבעם בן נבט, ביז הושע בן אלה - אויסער דעם איז געווען נאך 38 יאר וואס איז נישט באקאנט ווען דאס איז געווען (עפ"י הרד"ק שם).

דאס איז מרומז אין פסוק: **וכ"ל מעש"ר** דאס איז ר"ת **וכי לחנם מת עקיבא שהיה רועה בקר וצאן?** אז דער תנא רבי עקיבא וואס איז געווען ביז די 40 יאר א פאסטוך פון שעף און רינדער איז לכאורה אומזינסט געשטארבן, ווייל ער איז דאך געווען דער צענטער, און די שבטים וואס האבן פארקויפט יוסף'ן זענען נאר געווען 9 שבטים? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: **כל אשר יעבור** יעדער תנא וואס איז אוועק פון די וועלט, **תחת השבט** איז געווען א קרבן אנשטאט א שבט, **העשירי** אבער דער צענטער, דאס איז רבי עקיבא, **יהי' קודש לה'** ער איז געווען א הייליגער קרבן פאר השי"ת.

## מוסר הפרשה

**אם בחקתי תלכו ואת מצותי תשמרו וגו' ונתתי גשמיכם בעתם:** זאגט רש"י: שתהיו עמלים בתורה:

עס איז אמאל געקומען א סוחר צום **רבי'ן ר' מיכלע זלאטשוב'ער זי"ע**, אין א שניי ווינטערדיגע נאכט ווען עס איז אינדרויסן געווען א שטארקע פרעסט, און ער האט געטראפן דעם רבי'ן ר' מיכעלע זיצן אין א איינגענעמע ווארעמע שטוב און לערנט געשמאק, האט זיך דער סוחר אנגערופן צו אים "כ'זע אז דער רבי האט זייער א גוטע עולם הזה, דער רבי וועט האבן דערצו עולם הבא אויך?".

ענטפערט אים דער רבי ר' מיכעלע "אוודאי עס איז דאך א קל וחומר, מה-דאך עולם הזה וואס מיר טוען גארנישט דערצו און מיר מוטשענען זיך נישט דערויף האבן מיר ב"ה, איז דאך א ק"ו אז עולם הבא וואס מיר מוטשענען זיך יא דערויף וועלן מיר אוודאי האבן, און ביי דיר איז גאר פארקערט, מה-דאך עולם הזה וואס דו מוטשעסט זיך דערויף האסטו נישט, קל וחומר עולם הבא וואס אינטערעסירט דיך נישט, און דו פלאגסט זיך נישט דערויף, וועסטו אוודאי נישט האבן.

זאגט דער **רביד הזהב** אז דאס איז די פשט אין פסוק: **אם בחקתי תלכו**, וואס טייטשט **שתהיו עמלים בתורה**, אז מען וועט זיך פלאגן אויף לערנען תורה וואס דאס איז עולם הבא, דעמאלטס זאגט די תורה

צו ונתתי גשמיכם בעתם ונתנה הארץ יבולה, ווייל אז מען פלאגט זיך אויף רוחניות באקומט מען ביידע סיי עולם הבא און סיי עולם הזה, אבער ווען מען פלאגט זיך אויף גשמיות בלייבט מען אן ביידע.

*

**והשיג לכם דיש את בציר:**

דער הייליגער **חוזה מלובלין זי"ע** האט געטייטשט **והשיג לכם די"ש** איז אותיות **שד"י**, ווי אזוי קען מען דערגרייכן דעם אייבירשטן און זיין נאנט מיט אים, **את בציר**, אז מען ווערט זיך האלטן קליין און נידריג, דאס איז דער וועג ווי אזוי מען קען צוקומען צום אייבירשטן.

קומט אויס סך הכל 390 יאר פון ווען אידן זענען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, ביז ווען מען האט פארטריבן די עשרת השבטים, וואס די אידישע קינדער האבן נישט געהיטן קיין שמיטה.

נאכדעם איז געווען 40 יאר וואס מלכות יהודה האט נישט געהאלטן קיין שמיטה - ווי דער פסוק זאגט - ביז די נבואה פון יחזקאל, און נאך 6 יאר איז געווען פון נאך די נבואה ביזן חורבן, איז אינאיינעם דא 436 יאר.

יעצט איז דער חשבון אזוי: אין יעדע 50 יאר איז דא 7 שמיטות מיט איין יובל, קומט אויס אז אין 400 יאר איז דא 56 שמיטות מיט 8 יובלות, אינאיינעם 64, און אין די איבריגע 35 יאר איז דא איז נאך פינף שמיטות איז 69. האט דער אייבערשטער צוגערעכנט די 36'סטע יאר וואס איז שוין אריין אין א נייע שמיטה, ווי כאילו זיי האבן נישט געהאלטן די גאנצע שמיטה אויך נישט, און ווענן דעם איז מען געווען 70 יאר אין גלות בבל.

# מעשה רב

ווען **הגה"ק רבי שמעלקא סעלישער זי"ע** (מחבר פון ספר צרור החיים) איז געווען א יונג בחור'ל, האט ער געלערנט אין די ישיבה פון **הגאון הצדיק ר' שלום חריף אולמאן זצ"ל** אין שטאט לאקענבאך. דער סדר איז דעמאלט געווען אז נאר בחורים וואס האבן שוין געלערנט אין ישיבה עטליכע זמנים האבן געקענט באקומען צו עסן "טעג" ביי די בעלי בתים פון שטאט, די קלענערע בחורים זענען יעדן דאנערשטאג נאכט געגאנגען אין די דערפער ארום לאקענבאך און האבן צוזאמען געזאמעלט נדבות וואס פון דעם האבן זיי איינגעקויפט צו עסן אויף די קומענדיגע וואך.

אויך דער בחור שמעלקא איז געווען פון די ערשט געקומענע בחורים אין די ישיבה, און ארעם איז ער אויך געווען, האט ער געמוזט ארום גיין אין די דערפער יעדן דאנערשטאג נאכט אזוי ווי אלע יונגע בחורים, צוזאמען קלויבן נדבות אדער עסן. ער פלעגט יעדן דאנערשטאג נאכט בלייבן נעכטיגן אין איינע פון די דערפער און פארטאגס איז ער צוריק אין ישיבה מיט זיין זעקל שפייז אויף די קומענדיגע וואך.

איינמאל אין א קאלטן ווינטער נאכט זייענדיג דאנערשטאג נאכט אין א דארף, האט ער זיך אויפגעכאפט פארטאגס אזוי ווי יעדן טאג און זיך ארויס געלאזט אויפן וועג צום ישיבה קיין לאקענבאך. דער בחור שמעלקא איז דעמאלט גראדע געווען שטארק פארנומען צו פארענטפערן א הארבן **שער המלך** (אויפן רמב"ם) און האט געמיטליך שפאצירט ווען זיינע מחשבות זענען פארטיפט אין די סוגיא.

פונקט יענעם פרייטאג פארטאגס איז דער רב געפאָרן צו א ברית אין יענעם דארף, און איז שוין פארטאגס געפארן אינאיינעם מיטן שוחט אין א גרויסן וואגן. פלוצלונג האט דער שוחט געגעבן א געשריי "אוי ווייי געוואלד"... א בחור שפאצירט רואיג אין וואלד און אונטער אים שפאצירן 6 וועלף !

דער שוחט שרייט מיט שרעק "לאמיר שנעל צופארן און ראטעווען דעם בחור פון די פארציקענדע וועלף". דער רב האט אים אבער בארואיגט און געזאגט "זעהסטו דען נישט ווי א אלטער איד גייט נעבן אים און גיט אכטונג אויף אים...?"

ווען זיי זענען אנגעקומען האבן זיי אנגעצינדן א פייער און די וועלף זענען אנטלאפן. דער רב האט ארויף גערופן דעם בחור און אים געפרעגט אין וואס ער האט עוסק געווען גייענדיג אויפן וועג. האט אים דער בחור דערציילט אז ער פרובירט צו פארענטפערן א שווערן "**שער המלך**". אויב אזוי איז שוין נישט קיין וואונדער אז דער שער המלך אליינס האט זיך מטריח געווען אראפ צוקומען פון יענע וועלט דיך צו ראטעווען פון די פארציקענדע וועלף.

אט די מעשה האט דערציילט דער סעלישער דיין **הרה"ג ר' יונתן כהן ז"ל** אין זיין ספר **נפש יהונתן**, און נאכן דערציילן די מעשה האט ער אויסגעפירט, אז רבי שמעלקא האט מקיים געווען וואס די תורה זאגט "**אם בחקותי תלכו**" ווי דער אור החיים הקדוש זאגט אז "**תלכו**" מיינט פשוט "**גיין**", אז אפילו ווען מ'גייט אויפן וועג זאל מען אויך עוסק זיין בתורה, און דעמאלט ווערט מקוים די הבטחה "**והשבתי חיה רעה מן הארץ**".

# הילולא דצדיקיא

## קומענדיגן מאנטאג י"ט אייר איז די יארצייט פון

# הרה"ק רבי מנחם מענדל זצוק"ל פון רימאנוב

## נפטר י"ט אייר תקע"ה לפ"ק

קומענדיגן מאנטאג פר' במדבר געפאלט אויס די יארצייט פון **הרה"ק רבי מנחם מענדל מרימאנוב זי"ע.**

דער הייליגער **רבי מענדעלע זי"ע** איז געווען א תלמיד פון **רבי'ן ר' אלימלך זי"ע**, און ער איז געווען דער רבי פון מערערע צדיקים וקדושים זי"ע, צווישן זיי דער הייליגער **ראפשיצער רב** זי"ע, און זיין גרויסער תלמיד וממלא מקומו דער **רבי ר' הערש פון רימנוב זי"ע.**

דער **רבי ר' מענדעלע זי"ע** האט געזאגט אז די ערשטע זאך איידער א מענטש גייט זיך לייגן שלאפן זאל ער מתפלל זיין א תפלה צו השי"ת, און איבער געבן זיין נשמה פאר השי"ת אלץ א פקדון מיט זאגן די ווערטער "בידך אפקיד רוחי" און זאל אינזין האבן צו באהאלטן זיין רוח ונשמה ביי השי"ת צוזאמען מיט די נשמות פון אנדערע אידן, כדי ער זאל קענען האבן דעם קומענדיגן טאג פרישע כח און מח צו עבודת השי"ת. און מיט דעם ווערט זיין שלאף דערהויבן עס זאל זיין הייליג, און אזוי קען ער אויפטוהן מיטן שלאפן אזוי ווי מיטן דאווענען.

האט ער געטייטשט דאס איז פשט אין פסוק (במדבר ט"ו כ') "**ראשית עריסותיכם**" די ערשטע זאך פאר מען לייגט זיך אין **בעט**, "**חלה**" זאל מען בעטן א תפלה צו השי"ת (חלה איז מלשון ויחל משה) (מאור ושמש פ' שלח ד"ה עוד על פסוק וכו' בשמו).

דער **רבי ר' מענדעלע רימאנובער** און אנדערע צדיקים האבן געוואלט צואיילן דאס ברענגן משיח'ן, זיי האבן געטון פעולות שונות אין די מלחמה צווישן דעם קיסר נאפאליאן און דער רוסישער קיסר, און זיי האבן געוואלט פועל'ן אין הימל אז דאס זאל זיין מלחמת גוג ומגוג און משיח זאל שוין קומען.

מ'האט מלשין געווען פאר די ממשלה אויף די צדיקים אז זיי נעמען זיך צוזאם און מ'וויל מאכן א מרידה, זיי ווילן אויפשטעלן א נייע מלכות וכדומה, און יעדער פון די צדיקים איז זיך אנטלאפן, און דעם רבי ר' מענדעלע האט מען נעבעך איינגעזעצט אין תפיסה, און מ'האט דארט גארנישט ארייגעלאזט, ער איז געווען שרוי בצער, ענדליך נאך אסאך השתדלות האט מען גע'פועל'ט אז אויב ער דארף עפעס קען מען אים ברענגען.

איז מען אים געגאנגען פרעגן וואס ער וויל - ס'איז געווען חודש תמוז - האט רבי ר' מענדעלע געזאגט אז מען זאל אים ברענגן א מגילת אסתר... נו, אז דער רבי הייסט איז מען געגאנגען ברענגען.

די לעצטע מינוט איז דער **ראפשיצער רב** זי"ע נאכגעלאפן זאגן "חלילה, מען זאל פארן רבי'ן נישט ארייבברענגען א מגילה, ווייל טאמער ברענגט מען אריין א מגילה וועט ער חרוב מאכן א האלבע וועלט"...

דער **רבי ר' מענדל'ע מרימונוב זי"ע** האט געזאגט: עס איז פיל מאל א וואונדער צו זעהן מענטשן וואס ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער האבן זיי געלערנט פלייסיג, געדאווענט ערליך, און זיך געפירט מיט איידעלע מדות, אבער דערנאך ווען זיי ווערן עלטער ווערט אלעס איבערגעדרייט, זיי דאווענען און לערנען נישט געהעריג, און דאס איידלקייט ווערט אנטרינען. וואונדערט זיך יעדער פון וואנעט קומט צו זיי די שלעכטע מדות? די תורה וואס א קינד לערנט טוט אים דאך באשיצן א גאנץ לעבן פון עבירות?

נאר די סיבה איז אז זייערע עלטערן האבן זיי געפיטערט קליינערהייט מיט נישט כשר'ע עסן (אדער אפילו כשר'ע עסן וואס איז געקויפט געווארן מיט גע'גנב'טע געלט) וואס פון די עסן זענען זיי אויפגעוואקסען, איז זייער קערפער געבויט געווארן מיט "נישט כשר'ע" עסנווארג, און דער גאנצער קערפער איז א שטיק "איסור", וואס דאס ברענגט שוין צו אלע געמיינע מדות רח"ל... (אגרא דפרקא סימן קכ"ו ועיי"ש באגרא דצבי, עיין בשו"ע יו"ד סימן פ"א).

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן**